גליון כ"ד

מוסדות יטב לב דרבינו יואל באה"ק

# בקודש חזיתיך

ארויסגעגעבן דורך:
הנהלת מוסדות יטב לב באה"ב

חודש חשון • שנת תשע"ב לפ"ק


# א טריט פאָראויס



ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, ווען דער גליון "בקודש חזיתיך" הייבט אָן צו ערשיינען אין א פרישן פאַרברייטערן פאַרמאַט, אַהערגעשטעלט מיט תיקונים והוספות נאָכצוקומען דעם גרויסן פאַרלאַנג פון אנ"ש צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז דער גליון איז בהישג יד פון יעדן איינעם, אנשים נשים וטף.

דעם פריערדיגן גליון "בקודש חזיתיך" האָבן מיר אָנגעהויבן מיט די פאָלגענדע שורות: **ס'איז חודש אלול. דאָס לעצטע חודש פון תשע"א, און בלויז איין חודש פאַר'ן נייעם יאָר שנת תשע"ב. ס'איז צייט פאַר א "חשבון הנפש". זיך איבערצוטראַכטן און איבערצוקלערן ווי אַזוי דאָס יאָר איז פאַרלאָפן, און וואו מ'האַלט ערגעץ אויף דער וועלט.**

חודש אלול פאָדערט א חשבון הנפש, אָבער אויך אין פּראַקטישן זין און אין טאָג-טעגליכן לעבן פאָדערט זיך דאָס וועלבע. יעדער געשעפטס-מאַן וועט מודה זיין, אַז דאָס נישט זיך אָפּשטעלן מזמן לזמן איבערצוקלערן דעם עבר און לויט דעם באַשטימען דעם עתיד, איז א גאַראַנטירטער פאַרזיכערונג פאַר א דורכפאַל אינעם געשעפט, און אַזוי איז דאָס מיט יעדע אונטערנעמונג וואָס ווערט דורכגעפירט.

תלי"ת טרעטן מיר ב"ה אַריין מיט'ן רעכטן פיס אינעם דריטן יאָרגאַנג פון ווען די דאָזיגע אויסגאַבע "בקודש חזיתיך" האָט ב"ה אָנגעהויבן צו ערשיינען בשטומ"צ. מיר דאַרפן זיך היינט נאָר בלויז פאַרשטעלן די שמייכלדיגע בליקן וואָס מאַנכע האָבן געהאַט ביים נעמען אין די האַנט די ערשטע אויסגאַבע, ווייענדיג זיכער שוין פון ערפאַרונג, אַז אַזעלכע אויסגאַבעס האָבן גאַנץ שוואַכע שאַנסן פאַר הצלחה, און נאָך עטליכע חדשים וועט עס פון זיך אַליינס אויפהערן צו ערשיינען.

צוויי גאַנצע יאָר איז גענוג אַן איבערצייג אַז דער מציאות איז ב"ה אַנדערש. ובחסדי שמים מרובים האָבן מיר באַוויזן אָנצוקומען ביז אַהער. וואָס לאמיתו של דבר, "נאָר" מיט'ן כח הרבים פון די טויזנטער אנ"ש האָבן מיר באַוויזן אָנצוקומען ביז אַהער. דער כח הרבים האָט אונז איבערצייגט ווי וויכטיג די אויסגאַבע איז, און ווי שטאַרק אנ"ש קוקן אַרויס דערויף, און "דאָס" האָט אונז געגעבן דעם טרייב-קראַפט ממשיך צו זיין ווייטער, טראָץ די שוועריקייטן און מניעות מיט וואָס אַרויסגעבן אַזאַ רייכער גליון איז פאַרבינדן.

נאָך קיינמאָל אין די לעצטע יאָרן איז דער נאָמען "מוסדות יטב לב באה"ק" נישט געווען אַזוי הויכגעשעצט און פאַרהייליגט ביי אונזער ציבור ווי ביים היינטיגן טאָג. אוודאי, דער נאָמען יטב לב איז מאז הווסדה געווען נערץ ומקודש ביי אנ"ש, וויסענדיג ווי שטאַרק הייליג די מוסדות זענען געווען ביים מייסד מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ולאחריו ביי מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע. אָבער ווי יעדע זאַך, איז דורך א שטיק צייט ווען די געפילן זענען עטוואָס אָפּגעקילט געוואָרן. כהיום יום איז ב"ה הוחזר עטרה ליושנה ביתר שאת, ווען א הייליג פייער טליעט אין די הערצער פון אנ"ש זקנים עם נערים - בעלי בתים, אברכים, בחורי חמד, ילדי תשב"ר און נשים צדקניות - וואָס שפירן אַלע פאַר א זכי' אָנצוהאַלטן די הייליגע ירושה וואָס רבוה"ק זי"ע האָבן אונז איבערגעלאָזט, די הייליגע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס מוסדות יטב לב" וואָס א גרויסער טייל פון אָט דעם התלהבות, איז צו פאַרדאַנקן טאַקע דעם דאָזיגן גליון וואָס איר לייענט אַצינד.

יעדע איינע פון די לעצטע עטליכע-און-צוואַנציג גליונות איז געווען מלא וגדוש מיט רייכע מאמרים, תוכן'פולע אפהאנדלונגען, אינטערעסאַנטע היסטאָריע און איינענער ערפאַרונג איבער די הייליגע מוסדות בכלל, און בפרט איבער די סגולה נפלאה פון "אלקא דמאיר ענני" וואָס מ'זעט ביי אונזערע מוסדות. ווייענדיג קלאָר איבערצייגט איבער דעם אויטענטישקייט פון יעדעס ווארט אין דעם גליון, זענען די מאמרים און באַשרייבונגען שטאַרק עושה רושם, און אידן שפירן פאַר א זכי' זיך אָנצושליסן אינעם פליסיגן שוואונג וואָס הערשט ב"ה ביים ברייטן ציבור, צו שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות.

אין אַזאַ צייט ליגט געוויס אויף אונז פערזענליך, דער פליכט פון מאַכן א חשבון הנפש, סיי אויף צו באַטראַכטן דעם עבר, כאַפּן א בליק אויפ'ן הוה, און ציען דערפון מסקנות אויפ'ן עתיד.

אויפ'ן עבר בלייבט אונז בלויז איבער אָפּצוגעבן שבח והודי' פאַר'ן בורא כל עולמים, און גלייכצייטיג מכיר טובה צו זיין פאַר יעדן יחיד וואָס האָט אונז אַרויסגעהאָלפן, און פאַרהאַן זענען אַסאַך... יעדער וואָס האָט געזאָגט א גוט ווארט, א קאָמפּלימענט און אפילו אויפריכטיגע "קריטיק" האָט אונז געגעבן מוט און חיזוק ממשיך צו זיין ווייטער צוצושטעלן רייכע חומר דערמיט צו שטילן דעם דורשט פון די לייענער.

באַזונדער דאַרפן מיר זיך באַדאַנקן פאַר די וואָס העלפן צו מיט'ן שאַפן חומר פאַר דעם רייכן מאמר "ראשית ממלכתו" און די וואָס העלפן צו מיט'ן צושטעלן די נייעס-באַריכטן, ועל כולם פאַר די פילצאָליגע אנ"ש וואָס רופן אַריין אָדער שיקן אַריין בכתב מיטצוטיילן ווי אַזוי מען איז געהאָלפן געוואָרן בישועות ונפלאות בזכות החזקת צדקת רבי מאיר בעל הנס. א גרויסער טייל פון די מעשיות זענען שוין ערשינען אינעם מדור "בדידי הוה עובדא" א מדור וואָס ערשיינט געווענליך אויפ'ן לעצטן בלעטל פון די אויסגאַבע, אָבער ווערט דורך זייער אַסאַך געליינט די סאַמע ערשטע נאָכ'ן עס נעמען אין די הענט אַריין, צוליב איר שטאַרקער פּאָפּולערטעט. (גלייכצייטיג אַנטשולדיגן מיר זיך פאַר די וועמענס בדידי-מעשה עס איז נאָך נישט פארעפנטליכט געוואָרן, וואָס צוליב מאַנגל אין פּלאַץ מוזן מיר געבן א דין קדימה בלויז פאַר די באַר-גאַר אינטערעסאַנטע בריוון און עפיזאָדן וואָס מיר ערהאַלטן כסדר.)

און טאַקע דאָס אַלעס, דאָס רייכקייט פונעם גליון האָט מיט זיך געברענגט עטליכע געגרעכטע הערות וואָס מ'האָט אונז אָפּט אויפמערקזאַם געמאַכט. א גרויסער טייל האָבן אונז פאַרגעהאַלטן אַז דער ביז-איצטיגער סטאַנדאַרט וואָס דער גליון פלעגט בעיקר ערשיינען אין די בתי מדרשים איז ווייט נישט גענוג, נאָכדעם וואָס עס איז פשוט א שאָד אַז מ'זאָל דאָס נישט קענען לייענען אין שטוב. תושבי ברוקלין האָבן ספּעציעל גע'טענה'ט אַז שבת קען מען דאָס נישט אהיימטראָגן אין שטוב, און מוצש"ק פאַרגעסט מען דאָס שוין צו נעמען. און אפילו אין קרית יואל וכו' איז עס אויך נישט אָנגעקומען געהעריג אין הייזער, ולמה יגרע, פאַרוואָס זאָלן נישט די ב"ב און די קינדער אויך זיך דערוויסן מיט'ן באַדייט פון דאָס הייליגקייט פון מוסדות יטב לב?

ווידער אַנדערע האָבן גע'טענה'ט אַז ס'איז נישט אויסגעהאַלטן צו פאַרשפּרייטן אין די בתי מדרשים א גליון וואָס איז בלויז געמאַכט

(פאָרזעצונג אויף זייט ז)


פאַר הערות, קאָמענטאַרן פאַרבינדט אייך מיט אונז:

**T:** 718-387-1213 - 845-782-3091

**F:** 866-594-0261

## בטוב ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע ירושלים'ער מוסדות

### קול תורה בימי בין הזמנים

פאַרגאַנגענעם חודש "אב" ווען רובם ככולם פון די ישיבות און מקומות התורה אין ירושלים זענען געווען געשלאָסן צוליב בין הזמנים, האָט זיך מבין כותלי ביהמ"ד פון די ישיבה קטנה, אַרויסגעהערט א הילכיגער קול תורה פון די טייערע בחורים שיחיו וואָס האָבן מקיים געווען דעם "מאן דמוסיף יוסיף" און מ'האָט גאָר מגביר חיל געווען בלימוד, ביים אָפּהאַלטן די חזרה וואָכן אויף די צוויי מסכתות וואָס מ'האָט געלערנט פאַרגאַנגענעם יאָר, מסכת פסחים און מסכת ראש השנה. נאָך די הצלחה'דיגע חזרה האָבן די בחורים זיך געשטעלט צום פאַרהער אויף די צוויי מסכתות ביי הגה"צ הדומ"ץ שליט"א, וואָס האָט מיט הנאה געהערט די ברייטע ידיעות וואָס די בחורים האָבן אין די גאַנצע מסכת. בנוסף צום פאַרהער פון די גאַנצע ישיבה, האָט א גרופע מצויינים זיך עקסטער געשטעלט צום פאַרהער, יעדער בחור ביחידות, זיך פארהערנדיג זיך אויף ביידע מסכתות מתחלתו ועד סופו מיט א בקיאות נפלאה.

### עצרת חירום מיטגעהאַלטן מיט ערנסטקייט

מיט א שטאַרקע ערנסטקייט האָבן אנ"ש אין ירושלים עיה"ק מיטגעהאַלטן דעם "עצרת חירום" פאַררופען דורך הגה"צ חו"פ דומ"ץ דקהלתינו הק' שליט"א, וועלכער האָט עפ"י קריאת הקודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א צונויפגענומען דעם ציבור מיט'ן ציל מחזק צו זיין ביתר שאת די תקנה נחוצה וואָס פאַרבאָט פאַר די הורי תלמידי מוסדותינו הק', סיי וועלכע צוטריט אין שטוב צו סיי וועלכע פון די כלי משחיתים ווי אינטערנעט וכדומה. דער דיין שליט"א האָט אויפגעטרעטן מיט די צענטראַלע דרשה, וועלכער האָט מרחיב בדיבור געווען איבער די שרעקליכע סכנה, און איבערגעגעבן פאַרשידענע פרטים וואָס רבינו שליט"א האָט באַפוילן איבערצוגעבן פאַר'ן ציבור. דאַן האָט מען געהערט די דרשות נפלאות פון די חשוב'ע בעלי דרשנים, הרה"ג רבי משה בראווערמאַן שליט"א ר"מ בישיבת מאה שערים ומגדולי המחנכים בדורינו, און הרה"ג רבי יצחק קירשנבוים שליט"א ר"מ בישיבת תולדות אהרן, מגדולי העסקנים למניעת הטעכנעלאגיע, וועלכע האָבן ביידע אַרויסגעברענגט וויכטיגע שטריכן, וואָס די עלטערן שיחיו האָבן זיך מקבל געווען דאָס איינצוהאַלטן, והי' מחנינו קדוש.

צומאָרגענס פון די אסיפה האָט מען שוין אַהיימגעשיקט ספעציעלע בריוו צו אַלע עלטערן, אויף וואָס די עלטערן האָבן געדאַרפט חתמ'נען אַז זיי זענען מקבל אויף זיך איינצוהאַלטן אַלע תקנות בנוגע די כלים. א טאָג דערויף האָבן אַלע עלטערן שיחיו שוין צוריקגעשיקט די בויגנס, און עס איז געווען צום באַוואונדערן ווי ישראל קדושים, און ביז אַזאַ קורצע תקופה האָבן פילע עלטערן זיך אָנגעשטרענגט אויסצופירן יעדן סעיף פון די תקנות, וויסענדיג אַז דאָס איז דער צו השעה לטובת טהרת החינוך פון די אייגענע קינדער.

"והי' מחנינו קדוש"

### 5,000 שעות רצופות'דיגער קוויטל

פון טויזנטער מייל אַוועק, מהדרי ציון וירושלים, האָבן די בחורי חמד תלמידים פון די ישיבה קטנה זוכה געווען להחיות את נפש הצדיק פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועלכער האָט אינמיטן די עשרת ימי תשובה העעל"ט געלייגט דעם "כוללות קוויטל" אין וועלכע אַלע בחורים האָבן זיך מזכיר געווען בשמם ושם אמם לשנה טובה ומבורכת, און דערביי צוגעלייגט א "פדיון" א רשימה פון "שעות רצופות" וואָס יעדער בחור האָט באַזונדער געלערנט במשך די ימי הרחמים והסליחות ביי די גרויסע חזרה פון סוף יאָר. צוזאַמען האָט זיך צונויפגעקליבן א סכום פון 5,000 שעה רצופות, און ביים איבערנעמען דעם קוויטל מיט'ן פדיון איז געווען ניכר אויף צורת קדשו די שטאַרקע הנאה וואָס ער האָט פון תלמידיו קרוים בנים. דערביי האָט רבינו שליט"א זיך פונקטליך פאַראינטערעסירט אויף די סדרי הלימוד און אַנדערע פרטים פון די ישיבה, און דאַן וואַרעם אַנגעוואונטשן פאַר די תלמידי הישיבה, רבנן ותלמידיהון.

## ומציון יסעדך

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

### מחנכות און סעמינאַר תלמידות הערן דרשה פון ומסב"ג רביצין תליט"א

פאַרגאַנגענעם פרשת שופטים האָט די עטליכע הונדערט תלמידות וואָס ווערן נתחנך אינעם "סעמינאַר" - די עלטערע קלאַסן פון נייַנטע קלאַס און העכער - אין די מיידל שולע פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות, אויפגענומען מיט שעצונג די חשוב'ע גאַסט הרבנית הצדיקת מסאַטמאַר-וויליאַמסבורג תליט"א, וועלכע איז אַלס באַרימטע מחנכות, שטאַרק נתפעל געוואָרן מיטצוהאַלטן דעם גאָר הויכן ניוואָ אויף וועלכע די מיידל שולע געפונט זיך ב"ה. די רביצין תליט"א האָט אויפגעטרעטן מיט גאָר א רייכע דרשה פאַר די תלמידות, אין וועלכן זי האָט באַרירט אומצאָליגע פונקטן וואָס איז וויכטיג פאַר א "סאַטמאַרער תלמידה" בכלל, ובפרט אין ארץ ישראל, צו גיין אין די דרכים וואָס דער הייליגער מייסד מרן רביה"ק זי"ע האָט אַלץ געמאָנט און געפאָדערט אין אַלע היניכטן, צניעות, התבדלות מרשעים, נישט רעדן ח"ו קיין עברית, און נאָך פילע ענינים וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די תלמידות.

דערויף האָט די רביצין תליט"א אויפגעטרעטן זונטאָג פאַרמיטאָג ביים צוזאמקומפט פון די נאָנט צו הונדערט מחנכות פון אַלע אָפּטיילונגען אין די מיידל שולע, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די באַבובער זאל וואָס איז ספעציעל אָפּגעדינגען געוואָרן. נאָנט צו אַנדערהאַלבן שעה האָט די רביצין תליט"א אַרומגערעדט פאַר די מחנכות פאַרשידענע יסודות'דיגע הדרכות, אָנהייבנדיג מיט'ן אַרויסברענגען דעם שעצונג וואָס מ'האָט אומעטום צו די לערערינס און אַלע איינגעשטעלטע, וואָס טראָגן די שווערע אומשטענדן, ווען עס גייען דורך אַזויפיל חדשים וואָס מ'קען לײדער נישט צאָלן געהעריג קיין געהאַלט, דאָך שטרענגן זיי זיך אָן צו טון זייער אַרבעט מיט אַזויפיל געטריישאַפט. די דרשה וואָס איז געווען פיל מיט תוכן האָט שטאַרק באַאיינדרוקט די חשוב'ע מחנכות תחיו, צו וויסן דעם פליכט ביים מחנך זיין די "סאַטמאַרער תלמידות".

### ווי אַזוי גרייט מען זיך צום משפט?

עס איז עטליכע טעג פאַר'ן גרויסן יום הדין ומשפט, ווען כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון, יום ראש השנה, האָבן די בחורי חמד תלמידים פון די ישיבה גדולה "מהרי"ט" געהערט פונקטליכע אָנווייזונגען "ווי אַזוי מ'גרייט זיך צום טאָג פון א משפט" וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון - ליידער - אייגענעם ערפאַרונג דורך הב' היקר יואל זאב גאָלדשטיין הי"ו וואָס איז בחסדי שמים מרובים קורצלעך פאַר דעם באַפרייט געוואָרן פון יאַפּאַנעזער טורמע. יואל זאב נ"י האָט איבערגעגעבן זיינע הרגשים ביים גרויסן "סיום" וואָס די תלמידי הישיבה האָבן געפראַוועט אויף גאַנץ מסכת "שבועות" וואָס מ'האָט זוכה געווען דורכצולערנען בלויז איבערן זומער זמן העעל"ט אויף שיעור פשוט. זייענדיג א מסכת וואָס ווערט נישט צופיל געלערנט אין עולם הישיבות, איז נישט לייכט געווען צו טרעפן א בוחן, אָבער נאָך לאַנג זוכן האָט מען געטראָפן א תלמיד חכם מופלג, הרה"ג רבי יושע ליבערמאַן שליט"א (בן הג"ר יוסף שליט"א ר"י כושה"ח בעל שו"ת משנת יוסף) וועלכער איז אַלס בקי נפלא אין די מסכת, נתפעל געוואָרן צו הערן די ברייטע ידיעות פון די בחורים. ביים סיום, מיטוואָך פאַר סליחות האָבן די בחורים געהערט די דרשות פון הגה"צ ראש הישיבה שליט"א און פונעם מנה"ר הרה"ג רבי חיים משה לעווי שליט"א. דאַן האָט הב' יואל זאב נ"י איבערגעגעבן זיינע איבערלעבענישן ווי אַזוי עס האָט אויסגעקוקט אין די טעג פאַר'ן באַשטימטן דאַטום צום משפט, דעם שרעק און ערנסטקייט וואָס האָט אים באַנומען, וואָס כ"ש וכ"ש ווען מ'גרייט זיך צו שטעלן פאַר'ן מלך המשפט איז זיכער אַז מ'דאַרף זיך גרייטן דערצו מיט'ן פולסטן ערנסטקייט.

### כתה י"ג אין מיידל שולע באַרייכערט

שוין עטליכע יאָר וואָס די הנהלת המוסדות האָבן טראַכט דעם שווערן בודזשעט איינגעשטעלט דעם וויכטיגן אונטערנעמונג צו עפענען א פרישע כתה אין די מיידל שולע "כתה י"ג" (דרייצנ'טע קלאַס) פאַר די תלמידות אינעם אכצנ'טן יאָר וועלכע האָבן דערווייל נישט געטראָפן קיין אַרבעטס-פּאָזיציע אין א אַרבעטס-פּלאַץ וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר א "סאַטמאַרער תלמידה". היי-יאָר האָט מען אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות גאָר שטאַרק צו באַרייכערן דעם סדר הלימודים אַז די תלמידות זאָלן אַרויסנעמען א פּאַסיגן תכלית פון יעדן טאָג באַזונדער. אויסער די רעגעלמעסיגע קורסן ווי אַזוי צו פירן א אידישע שטוב, וואָס איז צוגעשטעלט פאַר אַלע תלמידות צוזאַמען, זענען דאָ צוויי באַזונדער אָפּטיילונג, איין גרופע תלמידות לערנען זיך ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט יונגע תלמידות וואָס דאַרפן ספעציעלע הילף, ווי אַזוי דאָס צו באַמערקן בכלל, און ווי אַזוי זיך צו באַפאַסן דערמיט בפרט, און די צווייטע גרופע לערנט זיך ווי אַזוי צו פירן א גאַנצע קלאַס מיט תלמידות, וואָס ביידע וועט זיי שטאַרק צונוץ קומען בעזהשי"ת צו טרעפן בקרוב א פּאַסיגע פרנסה אויסזוכט.

אויף אַלע לימודים און קורסן זענען אויפגענומען גאָר פראפעסיאָנעלע לערערינס מיט גאָר אַסאַך ערפאַרונג יעדע אויף איר געביט, פון וועמען די תלמידות הויבן זיך אָן מיט אַזויפיל וויכטיגע ידיעות.

### סיומי ספה"ק ויואל משה געפראַוועט

עטליכע חבורות, אברכים מופלגים יוצאי ישיבה"ק האָבן פאַרגאַנגענעם פרשת שופטים מסיים געווען דעם גאַנצן ספה"ק ויואל משה, וואָס מ'האָט דורכגעלערנט בדיבוק חברים מקשיבים יעדע חבורה מיט איר ראש החבורה שליט"א באַזונדער. דער סיום הספה"ק איז געפראַוועט געוואָרן בשעת מלוה מלכה, און דערביי האָט מען געהערט די צענטראַלע דרשה פון הגה"צ ראש הישיבה שליט"א וואָס האָט אַרויסגעברענגט דאָס נחיצות פון כסדר האַלטן פאַר די אויגן די הלכתא גוברתא פון דעם הייליגן ספר, און דער נואם הכבוד איז געווען הרה"ג רבי עזרא בנעט שליט"א מגיד משרים בקהלתינו הק' וועלכער האָט בטוב טעם ודעת אַרויסגעברענגט דעם באַדייט פון א "סאַטמאַרער אינגערמאַן" און וויפיל דאָס איז מחייב צו קענען דעם הייליגן רבי'ן זי"ע'ס דעת קודש.

## עמוד התוך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### פראַקטישער לוח באַשיינט אידישע הייזער

אנ"ש אין ניו יאָרק האָבן אין די טעג פאר יו"ט ערהאלטן דעם נייעם "וואַנט לוח" וואָס איז ספעציעל געאייגענט צו האַלטן אין שטוב אָדער אין געשעפטן\אפיס, מיט ספעציעל גרויסע קעסטלעך אויף יעדן טאָג פון יאָר, צו קענען פאַרצייכענען פאַרשידענע דאַטומען, אנטפוינמטענטס, שמחות וכדומה. איינצייטיג איז דער "לוח" א טעגליכער דערמאָנונג, ווי די הנהלה איז "היינט" און "יעדן טאָג" פון יאָר אָנגעוויזן אויף די וואַרימע שטיצע פון אנ"ש. ובפרט העלפט עס צו צו געדענקן ביי יעדע געלעגנהייט, סיי בעת א שמחה, און סיי ח"ו פאַרקערט, בעת צרה ל"ע, זיך צו באַנוצן מיט די אור-אַלטע סגולה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" דורכ'ן שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות, ואלקא דמאיר עננו.

### פרחי עסקנים אַרבעטן פלייסיג אין מאָנטרעאַל

דער כתר שם טוב פון די פעולות נשגבות להחזקת מוסדותינו הק' גרייכט ב"ה ביז גאָר ווייט, ביז אַריבער דעם קאנאדישן גרעניץ, וקנאת סופרים תרבה חכמה, האָט דער געטרייער עסקן נמרץ מוה"ר קלמן אליעזר לעווי הי"ו מנהל האפיס פון מוסדותינו הק' אין מאָנטרעאַל, אָרגאַניזירט דעם דאָרט-נייעם איינשטעל, אַז די "פרחי העסקנים" יונגע קינדער גייען יעדן ער"ש ויום טוב אַרום איבער די הייזער פון שכנים, מיט א פושקע-זעקל פון אונזערע מוסדות, זיי מזכה צו זיין מיט דעם מנהג ישראל, פון געבן צדקה פאַר צדקת רבי מאיר בעל הנס. עס איז געווען א מחזה הוד ווי די יונגע קינדער האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די מצוה רבה, און שפירן פאַר א זכי' צו זיין א מיטגליד אינעם לגיון של מלך פון די פילצאָליגע פרחי העסקנים איבער דער גרעיטער ניו יאָרק.

### הצלחה'דיגער "בחורים קאַמפּיין" במשך ימי בין הזמנים העעל"ט

ווידעראַמאָל זענען די ימי בין הזמנים העעל"ט אויסגענוצט געוואָרן דורך די בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הקדושות איבער ניו יאָרק, אַרומצוגיין שאַפן געלט להחזקת מוסדותינו הק', ווי עס איז איינגעפירט געוואָרן דורך מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און איז דאָס יאָר נתחזק געוואָרן ביתר שאת דורך מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וועלכער האָט פאַר בין הזמנים געשריבן א ספעציעלן "מכתב קודש" פאַרלאַנגענדיג פון די בחורים אויסצופירן רצון קדשו פון מרן אביו רביה"ק זי"ע, צו גיין שאַפן געלט פאַר מוסדות יטב לב. עטליכע געטרייע עסקנים צווישן די בחורים האָבן זיך מתנדב געווען מעורר צו זיין זייערע חברים, זיך אונטערצונעמען צו שאַפן געלט במשך די ימי בין הזמנים, און פילע בחורים האָבן אָנהייב בין הזמנים אונטערגעשריבן א כתב הסכם, צו שאַפן געוויסע באַשטימטע סכומים להחזקת המוסדות. דורכאויס די ימי בין הזמנים און ימי חול המועד העעל"ט איז טאַקע געווען א מחזה הוד צו זען ווי די בחורים פירן אויס זייער התחייבות, אַרומגייענדיג שאַפן געלט פאַר מוסדות יטב לב, און אין די איצטיגע טעג האָבן די בחורים די זכי' אַריינצוגיין אל הקודש פנימה, איבערצוגעבן די געשאַפענע סכומים לידיו פונעם משלח מרן רבינו הגה"ק שליט"א.




# חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן: דִי לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ נָאךְ...

## פָּארְוָוארְט

אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ אוּן וַוייטֶער וֶועלְן מִיר בעז״ה וִוידְמֶען אַ בַּאזוּנְדֶערְן קָאלוּם פַאר דִי חֲשׁוּבִ׳עֶ קִינְדֶער שיחי׳ וואו עֶס וֶועלְן בעז״ה גֶעדְרוּקְט וֶוערְן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן עֶפִּיזָאדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צִדְקַת רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס אוֹיף אַ לַייכְטֶע שְׁפְּרַאךְ גֶעאַייגֶנְט פַאר יוּנְגֶע קִינְדֶער.

דִי יוּנְגֶע קִינְדֶער טוּעֶן הַיינְט צוּ טָאגְס פַארְנֶעמֶען אַ פְּרָאמִינֶענְטְן אָרְט אִין דִי עֲסְקָנוּת פַאר דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת יַטֵּב לֵב, אַרוּמְגַייעֶנְדִיג מִיט דִי יַטֵּב לֵב פּוּשְׁקֶעס יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת ווי״ט פוּן וֶועלְכְן עֶס הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעזַאמֶעלְט בַּאדַייטֶנְדֶע סוּמֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט שִׁיקְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ פַארְלַייכְטֶערְן פַאר דִי גֶעטְרַייעֶ מְלַמְּדִים וּכְלֵי קוֹדֶשׁ.

עֶס אִיז יָדוּעַ פַאר אנ״ש דַעַת קָדְשׁוֹ פוּן רביה״ק בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זי״ע אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ דָאס שׁוֹין אַייְנְגֶעווֹאוֹינֶען יוּנְגֶערְהֵייט, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט בלשי״ק אַז מֶען קֶען וֶוערְן אַ אִיד פוּן 70 יָאר אוּן נִישְׁט וִויסְן וִויאַזוֹי אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אַצִּינְד וֶוען מִיר פַארְבְּרַייטֶערְן אוּנְזֶער חוֹדְשׁ׳לִיכֶע אוֹיסְגַאבֶּע אִיז אַ פַּאסִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ וִוידְמֶען אַ בַּאזוּנְדֶערְן אָפְּטֵיילוּנְג פַאר דִי חֲשׁוּבִ׳עֶ קִינְדֶער וִוי זֵיי וֶועלְן קֶענֶען שֶׁעפְּן פִילֶע יְדִיעוֹת אִיבֶּער דִי עִנְיָנִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע צְדָקָה פוּן רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס.

אוֹיךְ וֶועלְן מִיר יֶעדֶע חוֹדֶשׁ אַרַיינְשְׁטֶעלְן אַלְטֶע הִיסְטָארִישֶׁע בִּילְדֶער פוּן דִי תְּקוּפָה וֶוען דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגְרִינְדֶעט דִי מוֹסְדוֹת יַטֵּב לֵב, וָואס דָאס וֶועט זִיכֶער זַיין אִינְטֶערֶסַאנְט פַאר דִי חֲשׁוּבִ׳עֶ קִינְדֶער

בַּיי דִי עֶנְדֶע פוּן דִי מַעֲשֶׂה וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֶעלְן עֶטְלִיכֶע פְרַאגְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי מַעֲשֶׂה כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן טַאקֶע אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ דִי מוּסַר הַשֵּׂכֶל דֶערְפוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רִיזְשִׁנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַ טַעַם פַארְוָואס דֶער חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַרְחֶשְׁוָן, וַוייל דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "רְחוּשֵׁי מְרַחֲשִׁין שִׂפְוָתֵיהּ" וָואס דָאס טַייטְשְׁט אַז דִי לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, וַוייל אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֵייט נָאךְ גְלַייךְ נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל תְּפִלּוֹת צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, שָׁאקְלֶען זִיךְ נָאךְ דִי לִיפְּן פוּן תְּפִלּוֹת צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן עֶנְדִיגְן זִיךְ דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן מִיר הָאפְן אַז דִי אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען וֶועט אוֹיס׳פּוֹעַל׳ן אַלֶעס גוּטְס אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

וֶועלְן מִיר דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגֶען אַ מַעֲשֶׂה, וואו מִיר וֶועלְן זֶען אִין וֶועלְכְן זְכוּת דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיף אִין הִימְל.

*

מִיט צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פִיר אוּן דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל פוּן יָאר תקל״ז הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַ חַבּוּרָה פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים אוּן חֲסִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ בַּאזֶעצְן דָארְט, צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן בִּקְדוּשָּׁה וְטַהֲרָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דִי נְסִיעָה אִיז אָנְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אִין שְׁפִּיץ פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל וִויטֶעפְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז אַזַא נְסִיעָה נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג וִוי הַיינְט, מֶען אִיז גֶעפָארְן אַ לַאנְגֶע צַייט מִיט אַ שִׁיף אוּן מֶען אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז דִי שִׁיף זָאל ח״ו נִישְׁט אַיינְזִינְקֶען פוּן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אָדֶער עֶס זָאל ח״ו נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן פוּן יַם רוֹיבֶּערְס, אַזַא שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אַלֶעס גֶעטוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט מֶער קְדוּשָּׁה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָא אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי יַם בָּארְטֶענֶעס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן זֵיי זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט בַּאזֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט צְפַת. אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ גְרוֹיסֶע הוּנְגֶער ל״ע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאכְדֶעם וָואס אַ שְׁוֶוערֶע מַכָּה פוּן הֵיישֶׁערִיק הָאט בַּאטְרָאפְן דָאס לַאנְד אַ קוּרְצֶע צַייט פְרִיעֶר, זֶעעֶנְדִיג דֶעם גְרוֹיסְן אָרִימְקַייט פוּן וָואס דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַיידְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאבְּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע מַנְהִיגִים פוּן דִי חַבְרַיָא קַדִּישָׁא רַבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער אוּן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער בַּאשְׁלָאסְן צוּ בַּאשְׁטִימֶען אֵיינֶעם פוּן דִי חַבְרַיָא קַדִּישָׁא רַבִּי יִשְׂרָאֵל פָּאלִיצְקֶער אַלְס שְׁלוּחָא דְרַבָּנָן, עֶר זָאל אַרוֹיסְפָארְן קֵיין חוּץ לָאָרֶץ מְעוֹרֵר צוּ זַיין דִי אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט זֵיי זָאלְן פַארְמֶערְן זֵייעֶר שְׁטִיצֶע פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

רַבִּי יִשְׂרָאֵל אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין יָאר תקל״ח קֵיין טֶערְקַיי אוּן דֶערְנָאךְ קֵיין פּוֹילְן אוּן רוּסְלַאנְד אוּן עֶר הָאט טַאקֶע בַּאוִויזְן צוּ שַׁאפְן רֵיזִיגֶע סְכוּמִים פַאר דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אָבֶּער לַיידֶער אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה נָאךְ זַייעֶנְדִיג אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן עֶר אִיז בַּאעֶרְדִיגְט גֶעוָוארְן אִין דִי שְׁטָאט פַאסְטוֹב נֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן הרה״ק ר׳ אַבְרָהָם הַמַּלְאָךְ דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד.

מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר שְׁפֶּעטֶער אִין יָאר תקמ״א זֶענֶען דִי חַבְרַיָא קַדִּישָׁא דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוֶועריְקַייטְן אִין דִי שְׁטָאט צְפַת, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה, וואו זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס שְׁטֵייט נָאךְ בִּיז צוּם הַיינְטִיגְן טָאג. הרה״ק ר׳ מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער אִיז אַרִיבֶּער צוּם עֶרְשְׁט, אוּן אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט נָאכְגֶעפָאלְגְט הרה״ק ר׳ אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער. דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט זִיצְן אוּן עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן אִין עֲבוֹדַת ה׳ אָן קֵיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען דוּרְךְ דִי גֶעלְד וָואס אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן פוּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

מִיט זִיבְּן יָאר שְׁפֶּעטֶער אִין חוֹדֶשׁ אִיָּיר תקמ״ח אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי ר׳ מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא אוּנְטֶער דִי פִירֶערְשַׁאפְט פוּן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער וֶועלְכֶער הָאט פוּן דֶעמָאלְטְס אָן זִיךְ גֶעזָארְגְט פַאר דִי גֶעבְּרוֹיכְן פוּן דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט, אוּן וַוייטֶער בַּאקוּמֶען שְׁטִיצֶע פוּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט וַוייט פוּן דֶעם יַם כִּנֶּרֶת, אוּן דֶער צַדִּיק פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג טוֹבְל׳ן אִין דֶעם יַם כִּנֶּרֶת. אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבְל׳ן אִין דֶעם יַם כִּנֶּרֶת פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְזוֹימְט אוּן עֶר אִיז נִישְׁט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין בֵּיהַמֶּ״ד בְּלָאזְן שׁוֹפָר, דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף תְּקִיעַת שׁוֹפָר אָבֶּער דֶער רַבִּי קוּמְט נִישְׁט אָן. זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵייעֶר רֶבִּי׳ן אַז עֶר פַארְזוֹימְט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט צוּרִיק.

בִּיז עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וַוארְטְן עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר פוּנֶעם בֵּיהַמֶּ״ד אוּן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער קוּמְט אַרַיין אוּן עֶר פַארְצֵיילְט פַאר דִי חַבְרַיָא אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ:

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיבֶּער דִי וֶועלְט גֵייעֶן אַרִיבֶּער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְכ׳ן יַם כִּנֶּרֶת בִּיז צוּם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, אוּן פוּן דָארְט גֵייעֶן אַלֶע תְּפִילּוֹת אַרוֹיף אִין הִימְל, אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִין דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר הָאבְּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ נִישְׁט גֶעשִׁיקְט גֶענוּג גֶעלְט פַאר דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער יַם כִּנֶּרֶת נִישְׁט גֶעוָואלְט אַדוּרְךְ לָאזְן דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל. וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ מִיךְ פַארְזוֹימְט אַזוֹי לַאנְג זִיךְ אַיינְצוּ׳טַעֲנָה׳ן מִיט׳ן יַם אַז עֶר זָאל דוּרְכְלָאזְן דִי תְּפִילּוֹת, אִין אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר׳ן יַם אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועל אִיךְ מִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ בֶּעטְן פוּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן מֶער גֶעלְט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער יַם נָאכְגֶעגֶעבְּן אוּן

»»» פארזעצונג אויף קומענדיגן זייט »»»

די ענטפערס קען מען אריין שיקן צו אונז דורך:
פעקס: 866-594-0261
פאסט: Yetev Lev EY
POB 2123
Monroe NY 10949

די קינדער וועלכע וועלן אריינשיקן די ענטפערס וועלן אריינגיין אין א גורל אויף א $10 ווערט סערטיפיקאט.

מיט דעם סערטיפיקאט קען מען איינקויפן אין די פאלגענדע געשעפטן:

**וויליאמסבורג:**
"אוצר ספרים סטאר"
"וואס א בארגען"
"טוים פאר יר"

**קרית יואל:**
"דורן ספרים סטאר"
"קרית יואל ספרים סטאר"
"באזאר"
"מאשקאוויטש"

## שאלות

1. ווִי אַזוֹי הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּמְגֶעשְׁטֶערְט

---

2. פַארְוָואס זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער גֶעוֶוען בַּאזָארְגְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר?

---

3. ווִי אַזוֹי גֵייעֶן דִי תְּפִילּוֹת פוּן דִי אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ אַרוֹיף צוּם הִימְל?

---

4. פַארְוָואס הָאט דֶער יַם נִישְׁט דוּרְכְגֶעלָאזְט דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי אִידְן חוּץ לָאָרֶץ?

---

5. וֶוען הָאט דֶער יַם שׁוֹין יָא דוּרְכְגֶעלָאזְט דִי תְּפִלּוֹת

---




## לאָמיר מאַכן א מעשה פאַר בקודש...

לכבוד מערכת גליון בקודש חזיתיך שיחיו

ווי ווייט אייער גליון בכלל, ובפרט דער אָפטיילונג פון "בדידי הוה עובדא" איז ב"ה פאַרשפרייט ביים ציבור, און וואָס עס טוט אַלץ אויף מעורר צו זיין אַנדערע, וועט די פאָלגענדע עובדא אייך דינען אַלס פאַסיגער עדות.

געווען איז עס אינמיטן פאַרגאַנגענעם זומער ווען א גרעסערער טייל פון בני משפחתינו האָבן באַשלאָסן צוזאַמען צו פראַווען א שבת בשבת אחים גם יחד. אויף שבת זענען מיר אַרויסגעפאָרן אין א געוויסע קאַנטרי, א קליין שטיל פלאַץ, נישט צופיל גרעסער פון אַן אַמאָל-באַקאַנטער "דערפל"... דאָרט האָבן מיר זיך איינגעאָרדענט, און זיך געגרייט צום שיינעם שבת וואָס מיר האָבן געפלאַנט צו פראַווען.

עס איז ערב שבת נאָכמיטאָג, בערך צוויי שעה פאַר'ן זמן כניסת השבת, און אָפּס... די עלעקטעריק אין די גאַנצע קאַנטרי איז פאַרלאָשן. יאָ, איצט קוקט עס שוין אויס ווי אַן עכטער "דערפל"... נישטאָ קיין לעקטער, און אפילו קיין וואַסער אויך נישט. די וואַסער אינעם קאַנטרי ווערט געברענגט פון א קוואַל, דורך אַן עלעקטערישן פאָמפּ, און אַז עס איז קיין עלעקטעריק נישט דאָ, איז נישט דאָ קיין פאָמפּ און נישט קיין וואַסער...

נו וואָס טוט מען דאָ? אויף די אָפיציעלע טעלעפאָנישע באַריכטן האָבן מיר נאָך אין די זעלבע צייט אויך געהערט, אַז אין א געוויסע געגענט אין די קאַנטרי איז דאָ א "בלעקאַוט" צוליב א שטורעם ווינט וואָס האָט דאָרט דורכגעריסן און האָט אומגעוואָרפן ביימער און עלעקטעריק-שטאַנגען (ס'איז געווען נאָך פאַר "שטורעם איירין"). מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס מיינט אויך אונז, און אַז מיר קענען זיך רישן אַז ערשט ערגעץ-ווען אינמיטן די נאַכט פון ליל שב"ק וועט די עלעקטעריק זיין צוריק, ווי דער טעלעפאָנישער באַריכט האָט געהאַט איבערגעגעבן.

פאַרשטייט זיך מיר זענען געווען פאַרלוירן, נישט וויסענדיג ווי אַזוי מ'רירט זיך דאָ ווייטער, נישט קיין וואַסער, נישט קיין לעקטער מיט וואָס אָנצואוואַרימען דאָס עסן, און נישט קיין ברעקל ליכטיגקייט מיט וואָס מקבל שבת צו זיין אינעם נאַנצן טונקעלן האַריזאַנט.

זיצענדיג און טראַכטענדיג וואָס צו טון, רופט זיך אָן איינער פון די בני משפחה "לאָמיר מאַכן א מעשה פאַר בקודש"... ווי אינטערעסאַנט ס'איז געווען. יעדער האָט גלייך געכאַפּט פון וואָס מ'רעדט. איינער פון די בני משפחה איז גלייך געוואָרן דער עסקן, צונויפצונעמען געלט פאַר "מוסדות יטב לב לצדקת רבי מאיר בעל הנס" האָפענדיג אַז איינס פון די קומענדיגע גליונות "בקודש חזיתיך" וועט שוין ערשיינען די מעשה איבער דעם געגנליך-ליכטיגער שבת וואָס מיר האָבן געפראַוועט צוזאַמען.

וואונדער-איבער-וואונדער. ווי נאָר דער לעצטער האָט איבערגעגעבן א סכום געלט פאַר "יטב לב" הערן מיר פון ערגעץ-נעבן די קאַנטרי, ווי א טראַק פאָרט דורך. ממש א דמיון ווי א טראַק זאָל אַריינפאָרן אין אַן אַמאָליגן סאָרט דערפל... אָבער פאַקטיש איז דאָס אַזוי געווען. ביז עטליכע סקונדעס זעען מיר שוין ווי דער טראַק דרייט זיך איין טאַקע צו אונז אין די קאַנטרי, און עס איז נאָר געווען א טראַק פון די עלעקטעריק-פירמע.

די פלא איז געווען נאָך גרעסער. ווייל אינצווישן האָט מען זיך שוין געהאַט פאַרבינדן מיט'ן אייגנטומער וועלכער האָט אונז פאַרדינגן דעם פלאַץ. ער האָט זיך גלייך פאַרבינדן מיט די עלעקטעריק-פירמע, וועלכע האָבן באַשטעטיגט אַז דאָס איז אַן עקסטערע בלעקאַוט פאַר זיך, אַן קיין פאַרבינדונג מיט די גרויסע בלעקאַוט ערגעץ-אַנדערש-וואו, און די פירמע האָט פאַרשפראָכן אַז ביז 2-3 שעה וועט עס זיין פאַרראַכטן. דאָס וואָלט - כמובן - באַדייט אַז די לעקטער זאָל זיך צוריק אָנצינדן "פונקט" אין די צייט ווען מען קען שוין גאַרנישט צוגרייטן מפני קדושת השבת.

עס איז אָבער נישט אַריבער קיין גאַנצע פינף מינוט און די חברה זענען שוין דאָ. ביז געציילטע מינוט'ן האָט שוין די לעקטער געאַרבעט אין די גאַנצע קאַנטרי. וואָס עפעס האָבן זיי דאָס מאָל זיך אַזוי צוגעיאָגט? אויך מיר א פראַגע... אַז מ'האָט רבי מאיר'ן צו די האַנט, וואָס איז דען שייך צו פרעגן...

ב"ה מיר האָבן טאַקע געהאַט א ליכטיגן שבת. עס האָט אונז גאָרנישט געפעלט, אפילו א דערמאַנונג צו שטיצן "יטב לב" ווי אַלע וואָכן דורך די "פרחי העסקנים" האָט אונז אויך נישט געפעלט...

אַלזאָ, דאָ האָט איר נאָך א מעשה פאַר'ן "בקודש" און השי"ת זאָל אייך ווייטער געבן די מעגליכקייט אַריינצוברענגען אורה ושמחה בבתי בני ישראל.

**ידידכם**
**מ. פ.**
**ברוקלין יצ"ו**

## איך קענט נישט אַריינקומען!

לכבוד הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

מ'גרייט זיך שוין אָט אָט צו די ימים טובים, און איך גיי צוריק צו מיינע איבערלעבענישן וואָס איך בין אַריבער מיט א האַלב יאָר צוריק, פאַר'ן יום טוב פסח העעל"ט.

זינט די חתונה בשטומ"צ וואוין איך דאָ אין ירושלים עיה"ק, אָבער געבוירן בין איך אין אייראָפּע, און ביז צום היינטיגן טאָג בין איך אָפיציעל אַן אייראָפּעאישער בירגער. א צייט פאַר פסח האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן אויף אייראָפּע צו פראַווען דעם יום טוב פסח ביי מיינע חשוב'ע עלטערן שיחיו, און דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן. איך האָב גוט געוואוסט אַז איך האַלט מיך שוין אויף אין ארץ ישראל לענגער ווי איך האָב באַקומען ערלויבעניש ביים אַריינקומען, וואָס דאָס באַדייט זיכער אַז איך וועל באַקומען נאָר א "איין-וועג" ערלויבעניש. נאָר אויף אַרויסצופאָרן... פאַר'ן "חטא" פון פאַרבלייבן לענגער ווי ערלויבט, וועט מען מיך נישט צוריק אַריינלאָזן אין לאַנד נאָך פסח. אַזוי אַז עס לוינט זיך זיכער נישט אַרויסצופאָרן נאָר אויב איך בין פון פאָראויס פאַרזיכערט אַז מ'וועט מיך צוריק אַריינלאָזן, א זאַך וואָס מ'דאַרף ערלעדיגן נאָך פאַר'ן פאָרן. דער פראָבלעם איז נאָר, ווי אַזוי?

נו וואָס טוט מען? האָב איך קודם אָנגעהויבן צו "שמירן" דאָרט וואו מ'קען און מ'דאַרף... האָפענדיג אַז מ'וועט מיר מאַכן אַן אויסנאַם. ווי נאָר כ'האָב אַריינגעגעבן מיין פאַרלאַנג האָט מען מיך אָנגעהויבן צו שיקן פון מעביל צו רעביל... אַהין און צוריק. ברענג דעם פאַספּאָרט, שאַף דעם דאָקומענט, צייג דעם צעטל און נאָך און נאָך. יעדע פאַרלאַנג וואָס זיי האָבן געשטעלט צו מיר האָט געדויערט עטליכע טעג, יעדן טאָג שפּעטער נענטער צום יום טוב פסח, אָן דעם וואָס עס זאָל זיך ריקן פאָראויס מיין פאַרלאַנג צו באַקומען ערלויבניש צו קענען צוריקקומען נאָך פסח.

אויב איז דאָס נישט גענוג געווען, האָט זיך פונקט געמאַכט אַז אין יענע טעג האָט אויסגעבראָכן א סטרייק אינעם "אינערן מיניסטעריום" וואָס האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי דער "סתימת הגולל" נאָך צו קענען באַקומען די נויטיגע וויזע, אָבער מאת ה' היתה זאת, האָט זיך בזכות מוסדות יטב לב אַרויסגעשטעלט אַז "דאָס" איז גאָר געווען די ישועה.

זעענדיג אַז עס איז שוין כמעט "גאָרנישט" דאָ וואָס צו טון, האָב איך מיך געוואַנדן צו א באַרימטן עסקן, וועלכער האָט פאַרשראָכן מיר אַרויסצוהעלפן, און אויף זיין ראַט בין איך געגאַנגען צום ביוראָ פונעם אינערן מיניסטעריום, טראָץ וואָס עס איז געווען פאַרשלאָסן. אָבער אָנקומענדיג אַהין וואַרט מיך אָפּ א פרישער פראָבלעם... נעמליך דערוויס איך מיך, אַז אויב זאָלן די באַאַמטע געוואויר ווערן אַז דורכאויס די צייט וואָס איך האָב אומבאַרעכטיגט מיך אויפגעהאַלטן אין לאַנד, האָב איך נאָך געבוירן עטליכע קינדער, קען איך די קינדער בכלל נישט אַרויסנעמען פון ארץ ישראל. אַזוי אַז איצט האָב איך שוין א טאָפּעלטע פראָבלעם. מיינע "קינדער" קענען נישט אַרויספאָרן, און איך קען נישט צוריק אַריינקומען.

כ'האָב שוין איינגעזען אַז נישט קיין עסקנים און שתדלנים קענען מיר העלפן "נאָר" א נס מן השמים, און דאַן איז מיר עפעס אויפגעשווימען פאַר די אויגן די פאַרשידענע פלאַקאַטן מיט וואָס בית מדרשינו "ברך משה" אין ירושלים איז דאַן געווען באַהאַנגען, רופענדיג דעם ציבור אַז מ'זאָל זיך אָנשליסן מיט טעגליכע נתינות פאַר די "רבי מאיר בעל הנס בייטלעך" פון אונזערע מוסדות, און אַז "דער רבי ז"ל האָט צוגעזאָגט כל טוב פאַר ווער עס וועט העלפן די מוסדות". והאמת, די פלאַקאַטן זעלבסט האָבן עפעס נישט גערעדט צו מיר. ביי מיר איז געווען זיכער אַז "א קאַפּיטל תהלים" העלפט פונקט אַזוי... טאָ, פאַרוואָס אויסגעבן געלט אומזיסט... אָבער זיצענדיג דאָרט אין מיניסטעריום אָפּיס אַזוי אָנגעצויגענערהייט האָב איך מחליט געווען, אפשר דאַן... איך גיי דאָס אויך פּראָבירן. כ'האָב גלייך באַשלאָסן צו געבן א שיינעם סכום פאַר אונזערע מוסדות "יטב לב בארה"ק" שעפּטענדיג דערביי "אלקא דמאיר ענני" און דערצו האָב איך טאַקע מוסיף געווען א "קאַפּיטל תהלים" וטובים השנים מן האחד.

עס גייט נישט דורך קיין גאַנצע צען מינוט פון ווען די נדבה איז צוגעזאָגט געוואָרן, און איך הער ווי מ'רופט מיין נאָמען. א הויכראַנקיגער באַאַמטער וואָס האָט זיך דאָרט געפונען טראָץ דעם סטרייק רופט מיך אַריין, און ער זאָגט מיר אַז א געוויסער עסקן האָט גע'שתדל'ט אַז ער זאָל מיך אויפנעמען טראָץ דעם סטרייק, אָבער ער האָט נאָר מסכים געווען מיך אויפצונעמען. מיין פרוי תחי' וואָס איז געווען מיט מיר דאַרף בלייבן אינדרויסן. זי וועט ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט מוזן דורכגיין די געוועגליכע פּראָצעדורן וואָס פעלט זיך אויס צו באַקומען א וויזע.

זייענדיג סטרייק-צייט האָט דער הויכראַנקיגער באַאַמטער נישט געהאַט צופיל געדולד נאָכצוגיין אַלע מיינע פרטים, און ער האָט אָן קיין שום פראַגע באַלד געזיגעלט אַלע נויטיגע פּאַפּירן, אַז איך באַקום נאָך א וויזע צוריק אַריינצוקומען אין לאַנד. (ווי-מיר וואָלט געווען ווען ער פרעגט יאָ שאלות. ער וואָלט זיך דאַן דערוויסט דעם אמת ווילאַנג איך בין שוין אין לאַנד אומלעגאַל. נאָך א מזל ס'איז געווען א סטרייק...)

אָבער דאָס מערסטע וואונדערליך איז געווען, דעם שטרענגן טאָן וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז מיין פרוי תחי' זאָל נישט מיטקומען מיט מיר. וואָלט זי אַריינגעקומען צוזאַמען מיט מיר, וואָלט ער וואַרשיינליך גלייך אָנגעהויבן צו פרעגן וויפיל קינדער מיר האָבן, און ער וואָלט אויפגעקומען אויף די קינדער וואָס זענען אונז געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל דורכאויס די צייט וואָס איך האָב נישט געטאָרט זיין אין לאַנד, און ווידער וואָלט אַלעס צושטערט געוואָרן.

ב"ה, רבי מאיר בעל הנס איז געווען א גוטער שומר, אַז דער באַאַמטער זאָל אַריינרופן נאָר ווען עס איז נויטיג. א קורצע צייט שפּעטער האָט מען שוין אויף עפעס א וועג מסדר געווען די שריפטן פאַר די גאַנצע משפחה, און צוזאַמען האָבן מיר געפראַוועט א פריילעכן יום טוב פסח ביי מיינע חשוב'ע עלטערן שיחיו, ווען אין די זעלבע צייט האָבן אויך די כלי קודש אין אונזערע מוסדות געוויס גענאָסן פון דעם סכום וואָס כ'האָב געשאַנקען פאַר צדקת רבי מאיר בעל הנס.

מיט דאַנק און שעצונג

...

**פה ירושלים עיה"ק**

Non Profit Org.
U.S. Postage
PAID
Mail Way

Yetev Lev
Eretz Yisroel Inc.
POB 2123
Monroe NY 10940